שבת פרעשבורג
סמוך ונראה
לציון המצוינת של
מרן החתם סופר זי"ע
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
• שב"ק משפטים (לס' יואל מש"ה אמר עלה) תשע"ו •
מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# המסע

צווייטער נומער
שבת ויחי תשע"ו לפ"ק











# דער קשר

## א הרגש צו 'שבת פרעשבורג'

פון לוי י.

וואס א טאג מער עס גייט פארביי, ברענגט עס אונז נענטער צום געהויבענעם נסיעה בכלל, און צום שבת הגדול בעיר פרעשבורג בפרט. אט דאס טוט ערוועקן די הרגשים, צו וועלן אריין טראכטן איבער דעם קשר וואס טוט אונז פארבינדן מיט די ד' אמות של האי קודש הקדשים מרן רבן של ישראל רבינו משה איש האלקים בעל החתם סופר זי"ע.

מיר זענען ב"ה זוכה צו הערן תורתו של כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער איז דער גרויסער דולה ומשקה פון תורת מש"ה ספרא רבה דישראל. מיט דעם אליין האבן מיר א תורה'דיגן קשר אל האי אילנא דחיי. דער זיידע פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, הלא הוא הגאון הקדוש משימלויא זצוק"ל שרייבט: **'מעודי הרגלתי להכין דבריו הקדושים ולהשתמש עמהם (...) לכן אני מרגיש עצמי שאני תלמידו'**. אויף דעם דרך געניי ווערן דאך כסדר באלאכטן די דברי תורה וואס מיר זענען זוכה צו הערן.

■■■

ביי אונז בני קהילתינו הקדושה ליגט מיט א העכערקייט אויפגענומען די דברים חוצבים להבות אש, איבער'ן העכערן נאנטשאפט 'צום הייליגן חתם סופר זי"ע וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט מחמת נכנס יין יצא סוד אנטפלעקט און זיך דערמיט ארויסגעכאפט. ביי איין פורים טיש האט דער רב שליט"א געזאגט: **"איך וויל זאגן א ווארט פון הייליגן חתם סופר, דער הייליגער חתם סופר איז מיין רבי. איך ריר זיך נישט אן דעם חת"ס, אלע מיינע הארות וואס איך האב אין תוה"ק בין איך זוכה אין זיין זכות"**.



'איך וויל זאגן א ווארט פון הייליגן חתם סופר'. - ביים טיש ביום הפורים.

די דאזיגע ציטירטע רייד רעדן פאר זיך אליין! ביי א פריערדיגער געלעגנהייט אין דעם גרויסן טאג פון יום הפורים האט מען בתוך די דברי תורה געהערט א העכערן-געפיל בזה הלשון: **"איך וויל נאכזאגן א ווארט פונעם הייליגן חתם סופר. מען זאל מיר מוחל זיין אז איך רעד אזויפיל פונעם חתם סופר. איך שפיר אזא נאענטקייט צום הייליגן חתם סופר, מסתמא עפעס א שורש נשמה האב איך מיט'ן חת"ס אז עס נעמט מיר איבער יעדעס ווארט וואס איך זע אין חתם סופר".**

■■■

ווען מיר נעמען פונדאסניי אין האנט אריין דעם איינצוגס דרשה פון מרן רבינו שליט"א, ווערט מען ערשט אדורך גענומען, מיט'ן זען ווי ווייט ־ אדער ריכטיגער: 'ווי נאענט' - עס איז דער קשר וואס טוט אונז מקשר זיין. עס איז רייד וואס דארף געוויס גע'חזר'ט ווערן ווען מיר גרייטן זיך צו פארן אינאיינעם מיט'ן רב שליט"א צו אט דעם מקום פון וואו דער מאור הגולה האט מאיר געווען קדושת תורתו אשר מהם אנו חיים.

דא איז פאר אונז וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט געזאגט ביי די גרויסע מאמענטן פון מעמד הכתרתו צו הנהגת העדה והקהילה: **"הרב הקדוש רבי ר' בונם מפשיסחא האט געזאגט: יעדער איד דארף האבן א רבי אויף די וועלט און א רבי אויף יענע וועלט. האט ער געזאגט אויף זיך, אז זיין רבי בעולם העליון איז דער מהר"ל מפראג זי"ע. דאס זעלבע זאג איך: מיין רבי בעולם העליון איז מרן רבינו החתם סופר זי"ע!**

**"אין זיין וועג, אין זיינע השקפות און דעות, בין איך דבוק. כמעט איז נישט דא א טאג וואס איך לערן נישט פון זיין תורה. כידוע איז על פי דרכו והדרכותיו נתייסד געווארן די קהילה. ביי יעדע זאך וואס מיר האבן א ספק בנוגע הנהגת הקהילה אדער ביי אונזערע מוסדות, דארף מען זיך פרעגן און מתבונן זיין, וואס וואלט דער חתם סופר געזאגט צו דעם זאך, און מעיין אין זיינע הייליגע ווערטער צו געפינען דעתו בזה, וואס ער וואלט געזאגט צו דעם".**

■■■

די דאזיגע געזאגטע ווערטער 'צריכין לימוד'. מיר דארפן זיך אין דעם מתבונן זיין און זען, אז אונזער קהילה, אונזערע מוסדות, ווערן ב"ה געפירט אויפ'ן הייליגן דרך וע"פ דעתו הצרופה פון מאורן של ישראל מרן בעל החתם סופר זי"ע. אצינד ביי דעם שבת קודש בעיר האבות פרעשבורג וועלן מיר די דאזיגע כותלי ובניני הקהילה והמוסדות בויען און באפעסטיגן, אז ס'זאל זיך ווייטער קענען פירן און פארשפרייטן אונטער'ן הנהגה והדרכה דורך וועלכן מיר ווערן בס"ד פארזיכערט שלא תמוש מסורת ותורת מש"ה מפינו ומפי זרענו, עדי נזכה לפעמי משיח צדקינו בב"א.

**"עלינו לשבח לאדון הכל שנתן לנו בדור האחרון את האיש הגדול והקדוש הזה, אשר האיר עינינו בתורה וביראת שמים. ולולא הוא כבר היינו ממשמשים כסומים באפילה בגלות החושך הזה. וכל דבריו ודרשותיו וחידושי תורתו בהלכה ואגדה הם מלאים קדושה יראת שמים וחסידות ומידות טהורות וגשגבות, ואנחנו כולנו תלמידיו שותי מימיו. וכן אני הפעוט מלבד שאני תלמיד תלמידו, אני ג"כ תלמידו, כי מעודי הרגלתי להכין דבריו הקדושים ולהשתמש עמהם לבנות ולסתור ולפלפל בשמעתתא ולחדש חידושים עם הקדמותיו ולמדתי ממנו ללמוד ולהבין, לכן אני מרגיש עצמי שאני תלמידו המתאבק בעפר רגליו הקדושים" וכן גם לדעתי כל התלמידי חכמים העוסקים בתורת משה רבינו שבוגולה זי"ע".**

(מתוך מכתב הגה"ק משימלויא זצוק"ל בהסכמה על ספר 'זכרון למשה' תולדות מרן בעל החתם סופר זי"ע)



וואס וואלט דער חתם סופר געזאגט'. - איינצוגס דרשה ביים מעמד ההכתרה אלול תשנ"ב.

# צוריק צו אונזער הייליגן עבר

## וואו מיר וועלן מתפלל זיין און פועל'ן על קברי רבותינו ואבותינו

– צווייטער קאפיטעל –

## ווירמייזא

אצינד וועט די נסיעה זיין געווענדעט צום שטאט ווארמס, אדער ווי אידן פלעגן עס רופן ווירמייזא. דאס איז די שטאט וואו עס האט אויפגעלאכטן דאס גרויסע תורה-שיין פון הייליגן רש"י, וואס טוט אונז באלייכטן ביז'ן היינטיגן טאג ממש.

ס'דאך געוויס נישט שייך אז א איד - וואס לערנט תורה - זאל נישט לערנען רש"י א 'יעדן טאג'. אדער איז עס אין חומש, אדער איז עס אין גמרא. פון דעם פריהסטן יוגענט ביז צו דעם טיפסטן עלטער איז רש"י הקדוש 'יעדנס פריוואטער רבי'.

פארט איצט מען צום שטאט פון דעם 'אייגענעם רבי'ן'. א שטאט וואס האט ארום זיך מיסטישע און מערקווירדיגע געשיכטעס טאקע אין פארבינדונג מיט'ן רש"י'ס וואוינען דארט, וואס איז געווען פאר ער איז אוועק צו אנדערע שטעט, ווי קיין מאגענצא (מיינ"ץ) און צוריק צו (זיין געבורטס-שטאט) טרויש.

■■■

אין ווארמס האט רש"י געלערנט תורה ביי זיינע גרויסע רבי'ס. צו ערשט ביי 'רבי יעקב בר יקר', וואס רש"י רופט אים 'מורי הזקן' אדער סתם 'רבי', און טיטולירט אים אלס 'מורה הגמרא והמקרא' (פסחים קי"א ע"א) ווארשיינליך האט ער פון אים געלערנט דעם דרך פון פירוש המקרא.

דערנאך האט ער דארט - אין ווארמס - געלערנט ביי זיין צווייטער רבי, 'רבי יצחק הלוי' וועלכער האט דארט איבערגענומען די ישיבה נאך רבי יעקב בר יקר'ס פטירה. רש"י ברענגט אים כסדר מיט'ן אויסדרוק 'רבינו הלוי' אדער 'סגן לויה', צי גאר סתם 'הלוי'.







זייענדיג אין ווארמס וועט מען טרעטן אויף די געסלעך און באדן וואו רש"י האט זיך אויך געטראפן מיט'ן גרויסן הייליגן פייטן רבי מאיר בר' יצחק, דער מחבר פון 'אקדמות'. אזוי שרייבט רש"י אין א תשובה 'ושמעתי מאותו צדיק רבי מאיר בר' יצחק שמסדרן' (מחזור ויטרי שכ"א) דער בעל אקדמות איז געווען א שליח ציבור, און רש"י האט אים געהערט אין ווארמס.

■■■

אין ווארמס געפונט דער רש"י טויער וועלכער איז אמאל געווען דער אריינגאנג אין אידישן געטא און האט אפגעטיילט דעם אידישן קווארטל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. דארט איז דא דער פריש אויפגעבויטער שול פון רש"י, וואס ביז תרצ"ח איז נאך דער ארגינעלער שול געשטאנען מיט איר פולן פראכט.

די נאציס ימ"ש האבן דאס פארברענט, און דערנאך איז דערפון נאר געבליבן עטוואס ארגינעלע טיילן פון רש"י'ס מקוה, און פון דער שטיינערנע שטוהל אויף וועלכן דער רבן של ישראל איז געזעצן און געשריבן זיינע פירושים. אויסער פון דעם איז פון גאנצן מקדש מעט געלעגן אויפ'ן שול-הויף א בערגעל ברוכווארג, דארט וואו מען פלעגט אויפשטעלן די חופות פאר אידישע חתונות. - ווי דערמאנט האט מען דאס יארן שפעטער צוריקגעבויט.

אויף א שמאלן געסל בשכנות איז דא דאס איינגעזונקענער וואנט, וועלכע איז פארבינדן מיט'ן באקאנטן געשיכטע מיט רש"י'ס מוטער ע"ה. זי איז איין צופרי דארט אריבער צו גיין אין שול דאווענען, און פונקט דאן איז איר אנטקעגנגעקומען דער ארטיגער בישאף רייטענדיג אויף א פערד.

ער, א גרויסער שונא ישראל, דערזעענדיג רש"י'ס מוטער מיט איר ערליך צניעות'דיגן געשטאלט, האט זיך זיין שנאה צופלאקערט און האט צוגעפירט דעם פערד צו קענען איר רמ"ל צעטרעטן. פון פחד האט די צדקנות זיך צוגעשפארט צו דער וואנט פון דעם הויז, אין יענעם מאמענט איז געשען א נס: די וואנט האט זיך אריינגעבויגן און אין דער אריינזונקונג פון דער וואנט איז רש"י'ס מוטער ניצל געווארן.

**...אין יענעם מאמענט איז געשען א נס: די וואנט האט זיך אריינגעבויגן און אין דער אריינזונקונג פון דער וואנט איז רש"י'ס מוטער ניצל געווארן...**

# רבים יושעו בדרך זה

## אן הוספה צום ערשטן קאפיטל פון - פראנקפורט -

אין ספר 'חוט המשולש' פון אן אייניקל פון חתם סופר זצוק"ל, ברענגט ער א דבר נפלא איבער'ן ציון פון בעל 'כוס ישועות' דער מהרשש"ך זצוק"ל - זיידע פון מרן החת"ס זי"ע - וועלכער איז נטמן געווארן אויפ'ן ביה"ח בעיר פראנקפורט.

צווישן אנדערן שרייבט ער: 'עס איז דא א טיפער לאך אין דער ערד, וואס לויט ווי מ'האט מקובל קומט עס אן ביז א קבר פון אן איש אלקים, אז ווער עס האט א בקשה צו דעם איש האלקים, אז ער זאל בעטן פאר אים לפני מרן די בשמיא, שרייבט ער זיין בקשה אויף א פאפיר און טוט עס אריין לייגן טיף אין דעם לאך. אזוי האט מען זיך געפירט מאז ומקדם, וואס לויט ווי מ'גיט איבער האט ער אזוי באפוילן, און ווי עס ווערט פארציילט זענען פיל געהאלפן געווארן אויף דעם וועג פון זייערע טעגליכע שוועריגקייטן.

אין ספר הזכרונות פון דער שטאט פראנקפורט-דמיין שטייט אויף אים אזוי: בספר הזכרונות של עיר פפד"מ כתוב עליו לאמור: "יזכור אלקים את נשמת הרב הגדול הגאון מוהר"ר שמואל בן הר"ר יוזפא כ"ץ שאטין זצ"ל עבור שהי' מרביץ תורה בישראל, ובחיבורים נחמדים הגדיל והאדיר תורת אל, בנגלה ובנסתר ובכל חכמה ומדע גדול שמו בישראל, ראוי הי' שתשרה עליו שכינת אל, ענוותן כהילל, לא עבר בשינה חצות ליל, והמאור הגדול לממשלת [התורה] היתה ממשלתו פה בבית מותבא רבא אחד ושלשים שנה ומצודתו פרוסה על מדינת דרמשטאט, גם נתנו יורשיו עבורו א"ך זהובים לצדקה בשכר זה תהא נשמתו צרורה בצה"ח עם נשמת איו"י שררו"ל ועם נשמת שאר צדיקים וצדקניות".

דאס איינציגער אומבארירטער שריד פון דעם אמאליגן פארצווייגטן אידישן לעבן אין ווארמס, איז א קליינער טייל פון דער אידישער בית עלמין. דאס איז געראטעוועט געווארן פון פארניכטונג דורך דעם בירגעמייסטער פון דער שטאט, וועלכער האט געהאט א געפיל פאר היסטארישע פלעצער, און האט גע'פועל'ט ביי די נאציס ימ"ש אז זיי זאלן דעם טייל בית החיים נישט חרוב מאכן.

עס ליגן אין דעם בית החים די ראשונים, דער מהר"ם מרוטונבורג און דער מהרי"ל, און איינער מגדולי האחרונים דער בעל חוות יאיר, און נאך גאוני וצדיקי ארץ זי"ע.

דער מהר"ם מרוטונבורג – איינע פון די לעצטע בעלי תוספות – איז נפטר געווארן אין דער תפיסה אין ענזיסהיים. ער איז – כידוע – געהאלטן געווארן אין טורמע כדי צו באקומען פאר אויסלייז געלט פון אידן, וואס ער האט באפוילן נישט צו געבן.

ערשט 13 יאר נאכ'ן הסתלקות האט דער פראנקפורטער פרנס ר' אלכסנדר זיסקינד ע"ה פאר אסאך געלט אויסגעלייזט גופו הקדוש און אים געברענגט לקבורה אויפ'ן ווארמס'ער בית עלמין.

צוויי יאר שפעטער איז דער נדבן ר' אלכסנדר נפטר געווארן. הארט פאר יציאת נשמה האט ער געבעטן מ'זאל אים דארט מקבר זיין נעבן מהר"ם. זיין בקשה איז ערפילט געווארן. דארט האט מען אויך מקבר געווען י"ב זקנים וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם.

נישט ווייט פון שול געפינט זיך דאס פלאץ וואו די אידן פון שטאט זענען צונויפגעזאמלט געווארן ביים צווייטן וועלט קריג פאר'ן אוועקגעשיקט ווערן צו די טויט-לאגערן, הי"ד. היינט צו טאג איז אידישקייט זייער שוואך אין דעם שטאט. אבער... די תורה וואס איז דארט אמאל עלערנט געווארן, לעבט מיט אונז, ולא ימושו מפינו ומפי זרענו וזרע זרענו עד עולם!

# קראקא

אזוי ס'איז פארהאן 'משפחות מיוסחות בישראל' אזוי זענען אויך פארהאן, אדער בעסער געזאגט: געווען אידישע שטעט מיט גרויס יחוס; 'ערים ואמהות בישראל'. איינע פון די אט די שטעט וואס האט מיט גרויס שטאלץ געטראגן אזא יחוס קרוין איז געווען די היסטאריש פוילישער שטאט קראקא.

די דאזיגע שטאט האט זוכה געווען צו פיל גרויסע תורה פערזענליכקייטן וואס האבן אויף לתמיד באלאכטן די תורה וועלט. צווישן זיי: רבינו משה איסרליש דער רמ"א, דער ב"ח, דער של"ה הק', דער בעל תוספות יו"ט און נאך.

קראקא איז געווען איינע פון די ערשטע גרעסערע אידישע קהלות אין פוילן, און בכלל איבער אייראפע. ס'איז אין די פריערדיגע יארן געווען דער הויפט צענטער פאר תורה, אזוי ווי מען זעט פון א בריוו וואס













## ...קראקא איז געווען איינע פון די ערשטע גרעסערע אידישע קהלות אין פוילן, און בכלל איבער אייראפע. ס'איז אין די פריערדיגע יארן געווען דער הויפט צענטער פאר תורה...

דער רמ"א האט געשריבן צום בית יוסף קיין צפת אין וועלכן ער באצייכנט קראקא ווי די '**ארץ ישראל הקטנה שממנה תצא תושיה ומלאה דעת כמים לים מכסים**'.

אזוי איז עס אויך געבליבן בערך הונדערט יאר שפעטער, ווי דאס איז צו זען אין אן החלטה וואס איז פארצייכנט אין א פנקס פון ועד ארבע ארצות וואו עס שטייט: '**האלופים הקצינים מנהיגי קהלה קדושה קראקא יצ"ו אשר מעולם ומשנים קדמוניות היו פאר והדרת קודש, ראשונים לכל דבר שבקדושה ואחריהם כל בית ישראל**'.

נאכ'ן רמ"א האט קראקא זוכה געווען צו האבן אלס רבנים אזעלכע מאורי ישראל ווי דער מהר"ם פון לובלין, דער בעל מגלה עמוקות, דער ב"ח, דער רבי ר' הערשל, דער בעל מגיני שלמה, דער בעל תוספות יו"ט, זכותם יגן עלינו, און נאך אנדערע גאוני ישראל וואס האבן געהאט ישיבות אין וועלכן עס האבן געלערנט די בעלי כשרונות פון גאנצן לאנד און אויך פון שכנות'דיגע לענדער.

■■■

קראקא איז אויך געווען פון די ערשטע צו בויען גרויסע פראכטפולע שולן. א טייל פון זיי זענען פארבליבן א שם דבר אין די אידישע געשיכטע. פון זיי איז באזונדערס צו דערמאנען דער בארימטער שול פון ר' אייזיק יעקעליש, וועלכע איז פארבינדן מיט א באקאנטער סיפור. (פון גיין זוכן אן אוצר אונטער'ן בריק, און עס למעשה געטראפן ביי זיין שטוב, און פון די געלט געבויט דעם שול). אזוי אויך די שול וואס האט אויפגעבויט ר' ישראל דער טאטע פון רמ"א און וואס טראגט דעם נאמען דער רמ"א שול.

פארנט פון דעם רמ"א שוהל איז דא ארומגעצוימט די שטח וואס איז פארבינדן מיט א סיפור וואס ווערט פארציילט אויף די צייטן פון די רמ"א זצ"ל איבער א חתונה - מיט מוזיק א.א.וו. - וואס האט זיך פארצויגן אריין אין שב"ק. דער רמ"א האט געשיקט זיין שמש בעטן מ'זאל דאס אפשטעלן, אבער די מחותנים האבן דאס נישט אויגסגעפאלגט, האט זיך דער ערד דארטן געעפנט און די חתן און כלה און די מחותנים זענען געווארן איינגעשלינגען.

אין קראקא איז במשך די יארן צוגעקומען הונדערטער חסידישע שטיבלעך פון אלע חסידישע הויפן איבער פוילן און גאליציע. דארט האבן געדאווענט און געלערנט טויזנטער חסידים ואנשי מעשה פון שענסטן סארט.

הצה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע האט געהאט געזאגט: 'איך בין נאר מסכים צו עפענען א צאנזער שטובל אויב מען וועט זיך פירן מנהגי קראקא'. האט מען אים געפרעגט וואס זענען די קראקאווער מנהגים, ס'איז דאך דא אזויפיל שולן, יעדער איינער האט דאך זיינע מנהגים, נהרא נהרא ופשטי'? האט ער געענטפערט וויבאלד דער מאור ושמש איז געווען

## ...אין קראקא איז במשך די יארן צוגעקומען הונדערטער חסידישע שטיבלעך פון אלע חסידישע הויפן איבער פוילן און גאליציע....







דער ערשטער חסידישער רבי אין קראקא, זענען זיינע מנהגים א יסוד מוסד פאר'ן שטאט און אלע דארפן זיך פירן אזוי ווי אים.

▪▪▪

אויפ'ן אלטן בית החיים אין קראקא ליגן די דערמאנטע אדירי תורה און ארזי הלבנון: דער רמ"א, אויף וועם דער מהרש"ל האט מעיד געווען 'ממשה' מיינענדיג דעם רמב"ם 'ועד משה לא קם כמשה'. ער רופט אים אן **'גדול הדור שלא הניח כמותו בכל הגלילות ההם'.** עס ליגט דארטן אויך הרה"ק דער מגלה עמוקות וואס אויף די מציבה איז אויפגעשריבן **'שהי' לו גילוי אליהו ודיבר עמו פנים אל פנים'.** דארט דערנעבן איז אויך נטמן דער הייליגער ב"ח הגה"ק ר' העשיל בעל 'חנוכת התורה', הגה"ק ר' יושע חריף בעל מגיני שלמה, הגה"ק דער תוספות יו"ט, און הגה"ק ר' מרדכי יפה בעל הלבושים זי"ע וואס גדולי דורו האבן מפליג געווען בשבחו מיט זאגן: 'ממרדכי היהודי ועד מרדכי יפה לא קם כמרדכי'.

אין צווייטן בית החיים אין קראקא ליגט דער בעל מאור ושמש, וואס ספרו הק' איז פון די ספרי יסוד אין תורת החסידות. ער איז געווען דער ערשטער חסידישער רבי אין קראקא. דארט דערנעבן ליגט זיין זון הרה"ק ר' אהרן זי"ע, זיין תלמיד הרה"ק ר' שלמה זלמן מוויעלאפאלע.

אין זעלבן ביה"ח איז דא מציבת הגה"ק ר' שמעון סופר זי"ע זון פון מרן רבינו בעל החתם סופר זי"ע, וועלכער האט געלייגט זיין האנט אויפ'ן זון ר' שמעון און געזאגט האי תנא אקראק"א קאי (א לשון ש"ס אין ברכות דף ב' ע"א) 'תנא אקרא קאי'. ער האט געזען מיט רוח הקודש אז דאס כסא הרבנות אין די שטאט קראקא איז אנגעגרייט פאר אים.

זכותם יגן עלינו.

[דריטער קאפיטעל - 'גיא ההריגה אוישוויץ' און הויפט שטאט פון חסידות אין פוילן און אונגארן 'עיר ליזענסק' טוט אי"ה נאכפאלגן.]